בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪ ברוך שהחיינו והגיענו לזמן הזה

ב"ה אז מ'האלט שוין דא אין א מזל'דיגע שעה. אלע קלאסן זענען שוין מסודר אויפן שענסטן אופן, און אלע קינדערלעך געפונען זיך אין זייער נייע חדר אין וועלכע זיי האבן אריין געטרעטן האפענטליך מיטן רעכטע פיס..

מאנטאג צופרי זענען קודם אלע גרעסערע קינדער אריין אין לאנטש רו"ם ווי די קינדער האבן געהערט א געזעגנונגס דרשה פונעם קינדערגארטן מנהל און ער האט זיי געוואונטשן זיי זאלן מצליח זיין אין זייער נייע חדר. דערנאך איז דער מנהל פון כתה א' הר"ר דוד חננ' וויס שליט"א אריין געקומען מיט אלע זיינע מלמדים און יעדער האט אפגענומען זיינע קינדערלעך און אריבער שפאצירט צו די בנין מארקאוויטש אין כתה א'. דער טויש איז ב"ה אריבער העכסט סוקסעספול און מיט די גרעסטע מאס רואיגקייט א דאנק די פראפעסינעלע ארבעט פון די חשובע מלמדים.

דערנאך זענען אריין געקומען אלע קלענערע נורסערי קינדער אין לאנטש רו"ם און עס האט זיך ווידער אנגעהויבן די זעלבע שפיל, ווי יעדער מלמד האט גענומען זיינע נייע קינדער און זיי געפירט צו זייער נייע חדר אין א מזל'דיגע שעה.

ביי דער גילעגענהייט בעטן מיר א הייסע תפלה צום באשעפער - אינאיינעם מיט אייך חשובע עלטערן שיחיו - בזכות רבותיה"ק זי"ע מיסדי מוסדותינו הק', אז דער יאר זאל זיין א יאר פון הצלחה און סייעתא דשמיא מיר זאלן קענען זיין די ריכטיגע שלוחים צו מחנך זיין אייער טייער קינד צו מדות טובות און יראת שמים, און אויפטוהן מיט די קינדער דאס וואס מיר דארפן אויפטוהן. און די עלטערן זאלן טאקע יעדער זיין צופרידן בעזהשי"ת **(זעהט ווייטער א וויכטיגע באמערקונג בנוגע דעם טויש פון אייער אינגל)**

## ✪ ווער האט באשאפן די וועלט?

מ'האלט שוין טאקע ביי פרשת נח, אבער פארט איז דער ענין פון בריאת שמים וארץ א יסוד אין אמונת הבורא, דערפאר קען מען דאס נישט דורכלאזן און נישט רעדן מיט די קינדערלעך. די וואך ווען מיר זענען געקומען צופרי אין חדר האבן מיר געזעהן שיינע בילדער פון אלע זאכן וואס זענען באשאפן געווארן פון דעם ערשטן טאג ביז שבת קודש. מיר לערנען זיך אויס ווער עס האט אלעס באשאפן אויף די גאנצע וועלט "דער הייליגער באשעפער"...

## ✪ א תיבה שווימט

אזוי שיין האט מיין רבי דערציילט די מעשה פון פרשת נח. איין טאג זאגט ער אונז אז מיר גייען גיין יעצט אויפזוכן די תיבה. מיר גייען ארויס פון חדר שפאצירן, מיר זעהן אויף די וועגט עראו"ס וואס צייגט ווי מ'דארף גיין. מיר גייען זיי נאך... ביז ענדליך קומען מיר אריין אן אין א חדר. מיר זעהן א תיבה שווימט אין א וואסער (מבול). מיר זעהן די תיבה האט דריי שטאקן, מיר זעהן אפי' די דריי קינדער פון נח. שם "חם" און יפת.... אויך זעהן מיר א טויבעלע האט א גרינע בלעטעלע אין זיין מויל. און אז מיר קוקן גוט זעהן מיר און די וואסער מענטשעלעך.... מיר פרעגן די רבי וואס איז דאס? זאגט ער זיי זענען די שלעכטע מענטשן וואס זענען דעטראנקען געווארן אין די מבול... דאס איז עכט געווען אינטערעסאנט...

## ✪ ביטע ליינט מיט אויפמערקזאמקייט בנוגע דעם טויש פון אייער קינד

1) אין די ערשטע פאר טעג און וואכן איז זייער וויכטיג צו געבן קוראזש פאר אייער קינד, ספעציעל אויב ער מאכט קונצן צו גיין אין זיין נייע חדר. און אים זאגן אז ער גייט מער נישט אין קיין קליינע בעבי חדר נאר אין א גרויסע חדר.

2)עס איז אויך וויכטיג אנצומערקן אז עס איז פארהאן קינדער וואס וויינען נאך יעצט צופרי ביים קומען אין חדר, די סיבה איז, ווייל זיי וויסן נאכנישט פונקטליך וואו זייער נייע חדר איז, ערשטע שטאק, צווייטע שטאק, ממילא זענען זיי נאך פארלוירן. אבער מיר האבן געטרייע מלמדים וואס זענען צושפרייט איבערן גאנצן בנין וואס מאכן זיכער צו צופירן יעדעס קינד צו זיין ריכטיגן פלאץ. און ביז אפאר טאג וועלן זיי זיך צוגעוואוינען צו זייער נייע חדר אי"ה.

3) אויב עס מאכט זיך א פראבלעם צב"ש אייער קינד גייט נישט גערן אין חדר, אדער ער איז נאכנישט נישט אזוי צפרידן, אויב עס נעמט לענגער ווי אפאר טאג וואס ביז דאן איז נארמאל אז זיי זאלן דאס נעמען שווערליך, דאן פארבינדט אייך תיכף מיטן מלמד. רוב מאל קען מען דאס מיט א קלייניקייט ארלעדיגן עצהיו"ט. אמאל דארף א קינד געוויסע אויפמערקזאמקייט אד"ג און דער מלמד ברויך וויסן דערפון.

4) מיר שפירן פאר וויכטיג נאכמאל צו בעטן די עלטערן, אז אזוי ווי מיר האבן אסאך קינדער מיט שווערע אלערדשיס, סיי צו מילך, ניס און נאך. בעטן מיר בכל לשון של בקשה. מ'זאל נישט שיקן קיין ריסעס מיט אייער קינד זאכן וואס פארמאגן מילכיג אדער ניס. עס איז זייער שעדליך און מיר רעדן שוין פון עקספיריענס. וויפיל א מלמד זאל נישט אכטונג געבן קען מען זיך נישט געגוג בעהיטן, ספעציעל ווען די קינדער מאכן זיך אייגענע ביזנעס אויפן באס איינער מיטן אנדערן, איך געב דיר די נאש און די גיבסט מיר די נאש, און מער דארף מען נישט... מיר האפן אז די עלטערן וועלן דאס אנעמען מיט פארשטענדעניש.

און צום לעצט האפן מיר אז איר חשובע עלטערן שיחיו וועלן זיין צופרידן און שעפן פיהל נחת פון אייער קינד.

**א גוט שבת און אסאך נחת**

# זיסע חכמה'לעך

**הערשי גרינוואלד** איז געווען טאנצן מיט די תורה אין די גרויסע שוהל און געזעהן די רבי שליט"א, פארן אהיים פארן פרעגט ער "צו וועלכע שטאט מ'פארט? צו די שטאט ננוה?"...

מ'האט געוויזן פאר **ישראל מאיר** אז די סוכה איז שוין פארטיג, האט ער געזאגט "ס'איז נאך טמא... (ווייל זיין רבי האט געזאגט אז א סוכה אן סכך איז נישט כשר)"...

**שלמה הערש** האט צופרי ארויס געקוקט פון פענסטער און געזעהן א הערליכע בלויע הימל, האט ער געפרעגט פון זיין מאמע "אוי, עס איז גארנישט דא וואלקענעס, וויאזוי וועט מען קענען פארן אויף ארץ ישראל אויב משיח קומט?"....




ווען **דוד יעקב'לע פעדער'ס** טעללער זופ איז געווען זייער הייס האט ער געזאגט "לייג עס אין די מייקריוועיוו עס זאל ווערן ווארעם"....

ווען מ'האט געפרעגט **יושע'לע פילאפף** וואס זאל מען שרייבן אויף זיין מצוה צעטל? זאגט ער "נאר מצות, נישט עבירות"...

ווען **געצי גרינפעלד** איז געגאנגן אין שוהל שבת אינדערפרי – יו"כ- האט זיין טאטע אים געזאגט אז היינט איז אויך שב"ק, מ'גייט דאווענען א גאנצע טאג און נישט אהיים גיין. ער טראכט א מינוט און זאגט ?זייער גוט, איך וועל קענען זעהן וויאזוי דער גוי פון שוהל וועט אנגרייטן די טישן פאר שלש סעודות"....

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א מזל טוב**
**פאר המלמד החשוב מו״ה יצחק אייזיק מיללער שליט״א**
**צום אפשערן פון זיין זוהן נ״י דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים עמו״ש**







## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**הערשל מיללער נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

מזל טוב
הילד היקר
**אברהם יעקב בוים נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

מזל טוב
הילד היקר
**אברהם פריינד נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

מזל טוב
הילד היקר
**שלו' פאלקאוויטש נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

מזל טוב
הילד היקר
**יוא' יודא וועבער נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

מזל טוב
הילד היקר
**חיים בנימין וועבער נ״י**
צו זיין אפשערן למז״ט

**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידישי נחת געזונטערהייט עמו״ש**